א. בתחילת ההתועדות ציוה לנגן הניגון אבינו מלכנו, אתה בחרתנו, הניגון דג׳ הבבות (של הבעש"ט ה"מ וארה"ז) ג׳ פעמים.

אח"כ ציוה לנגן ניגון קודם דא"ת ואמר המאמר ד"ה זה היום תחלת מעשיך.

ב. כמדובר כמה פעמים, אז אלע ענינים פון תורה זיינען בתכלית הדיוק לכל פרטיהם. און ניט נאר די ענינים גופא זיינען בתכלית הדיוק, נאר אויך די זמנים וועלכע זיינען נקבע געווארן אז אין זיי זאל מען לערנען ענינים מסויימים בתורה, איז אויך דאס בתכלית הדיוק. ד.ה. אז די ענינים בתורה וועלכע זיינען נקבע געווארן צו לערנען אין א זמן מסויים, דארף מען פון זיי ארויס נעמען א הוראה מיוחדת בנוגע צו דעם זמן.

וכשם ווי בנוגע צו הלכות הרגל, איז דאס וואס מ׳דארף דרשנען "בכל רגל הלכות הצריכות לבו ביום" איז דאך דאס בכדי "שיודיע להם האסור והמותר בו ביום" (שו"ע אדה"ז סתכ"ס ס"ד), עד"ז איז אויך בנוגע צו די פרשיות בתורה און די הפטרות וועלכע זיינען נקבע געווארן צו זמנים מסויימים איז עס בכדי אז מען זאל פון זיי ארויסנעמען די הוראות בנוגע לדיעות ותובות הלבבות הצריכות לבו ביום.

[וואס דער ענין - די הוראות בנוגע לדיעות ותובות הלבבות - איז נאך מער נוגע ווי ידיעת האסור והמותר בנוגע למעשה בפועל. ווארום כשם ווי בנוגע צו תשובה, זאגט דאך דער רמב"ם (הל׳ תשובה פ"ז ה"ג) אז די תשובה אויף די ענינים של דיעות וכו׳ איז מער נוגע ווי די תשובה אויף די ענינים "שיש בהן מעשה", עד"ז איז אויך בנוגע לעבודת האדם (מלכתחלה), אז די הוראות בנוגע לדיעות וכו׳ זיינען נאך מער נוגע ווי די ידיעת ההלכות בנוגע למעשה בפועל].

דערפון איז מובן אויך בנוגע צו ר"ה, אז כשם ווי ר"ה (אדער לפני ר"ה) דארף מען לערנען הלכות ר"ה בכדי צו וויסן את המעשה אשר יעשון, אזוי דארף מען ארויסנעמען די הוראות בנוגע לדיעות וכו׳ הצריכות לר"ה פון די קריאות והפטרה של ימים אלו.

און וויבאלד אז אין תורה זיינען אלע ענינים בתכלית הדיוק בכל הפרטים - איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז די הוראות השייכות לר"ה איז פון יעדער פרט ופרט שבקריאות והפטרות אלו.

ג. צווישן די ענינים וואס ווערן דערציילט אין די הפטרה של יום א׳ דר"ה בנוגע תפלת חנה וכו׳ איז, אז עלי האט געהאלטן חנה׳ן פאר א שי-כורה און האט איר געזאגט "עד מתי תשתכרין גו׳" און חנה האט אים גע-ענטפערט "לא אדוני אשה קשת רוח אנכי גו׳". דארף מען פארשטיין: וואס איז די הוראה פון דאס דאזיקן סיפור בכלל, און די הוראה המיוחדת לר"ה?

בנוגע צו כללות הסיפור פון תפלת חנה וכו׳ - האט מען שוין אמאל מבאר געווען בארוכה די הוראה פון דעם (מיוסד על תורת הבעש"ט (כש"ט הוספות ע׳ 20) עה"פ ויהי לפנינה ילדים ולחנה אין ילדים). מען דארף אבער פארשטיין: וואס איז די הוראה פון "ויחשבה עלי לשיכורה וגו׳"?

און די שאלה דא איז ניט בלויז וואס איז די הוראה דערפון בנוגע לר"ה, נאר - בכלל וואס שטייט בכלל דער סיפור אין תנ"ך? אפי׳ בנוגע צו נבואה - וואס נבואה איז דבר ה׳ - זאגט די גמרא (מגילה יד,א) "נבואה שהוצרכה לדורות נכתבה ושלא הוצרכה לא נכתבה", איז דאך עאכו"כ בנוגע צו א ענין של סיפור (וואס אודאיאז וויבאלד דער סיפור שטייט

- אין תורה -

אין תורה איז עס דבר ה׳, דאס שטייט אבער אין תורה ניט אלס א ענין של נבואה נאר בדרך סיפור) איז אויב דאס וואלט ניט געווען נוגע לדורות, וואלט עס ניט פארשריבן געווארן אין הנ"ך.

און מ׳קען ניט זאגן אז דער גאנצער סיפור (בנוגע לעלי וחנה) קומט צוליב דעם סיום הענין וואס עלי האט איר געזאגט "ואלקי ישראל יתן את שאלתך גו׳" – ווארום דאס האט געקענט שטיין אויך ווען עס וואלט ניט גע־שטאנען פריער כל פרטים הנ"ל.

ד. די קשיא איז נאך שטארקער: תורה איז דרכי׳ דרכי נועם, ובפרט האט ניט קיין ארט, לכאו׳, אז אין תורה זאל ווערן דערציילט אויף איכיצן א ענין של היפך השבח (בפרט, אז דאס איז נוגע להוראה בעבודת ה׳). איז ווי קומט עס אז תורה זאל דערציילן אז עלי האט געהאט אזא טעות אז "ויחשבה עלי לשיכורה", און אז חנה האט אים געענטפערט "לא אדוני" וואס דאס מיינט ווי די גמרא זאגט (ברכות לא,ב. ובפרש"י לשמואל שם) "לא אדון אתה בדבר זה כו׳", וואס דאס איז א ענין של היפך השבח.

די קשיא איז נאך שטארקער: אויף "ועלי הכהן ישב על הכסא" (ש"א א,ט) זאגט רש"י "אותו היום ישב על כסא גדול שנתמנה שופט על ישראל". וואס דער ענין פון א שופט ודיין איז |כלשון הגמרא (שבת יו"ד,א. ובכ"מ)| "שדן דין אמת לאמיתו".

וואס איז דער דיוק "דין אמת לאמיתו" (און ניט אמת סתם)? זאגט אויף דעם תוספות (שבת שם. וביתר ביאור – מגילה טו,ב. ב"ב ה,ב) "לאפוקי דין מרומה". בשעה איינער פסקנט לויט די דברי העדים, ער לייגט זיך אבער ניט אריין צו וויסן צי זיי זאגן ריכטיק – איז ווייבאלד אז לויט חשן משפט איז בשעת אז די עדות זאגן כך וכך דארף מען פסקנען כך וכך, איז עס א דין אמת, ס׳איז אבער ניט קיין "דין אמת לאמיתו". און דאס איז דער דיוק "דין אמת לאמיתו", אז דער דיין דארף זיך אריינלייגן . וואס יענער מיינט ובההרגש שלו וכו׳ (נאר היות מ׳קאן דאך ניט פסקנען ע"פ ענינים של מחשבה, דארף דער דיין זיך משתדל זיין, צו ארויס־ברענגען דאס בדיבור. ומכובא כמה דוגמאות על זה).

און ווייבאלד אז עלי איז געווען א שופט, וואס ענינו איז "שדן דין אמת לאמיתו" – האט ער דאך געדארפט משפטן חנה׳ן ניט לויט דעם ווי עס קומט אויס בחיצוניות, נאר אריינטראכטן זיך און אריינלייגן זיך בההרגש שלה וכו׳. איז ווי קומט עס אז "ויחשבה עלי לשיכורה"?

ובפרט נאך אז ער האט געהאט צייט צו מתבונן זיין זיך בההרגש שלה, ווארום עס שטייט דאך "ועלי שומר את פיה" אז ער האט געווארט און צו־געקוקט זיך במשך זמן התפלה. איז ווי קומט עס אז עלי וואס ער איז געווען א שופט וועלכער דארף זיך אריינלייגן אין יענעמס הרגש וכו׳ זאל במשך כל זמן התפלה ניט אויפכאפן וואס עס טוט זיך בפנימיותה און האלטן איר פאר א שיכורה?

ה. נאך א פירוש איז דא אין "ועלי הכהן יושב על הכסא", אז ער איז געווען א כהן גדול (מדרש תהלים בתחלתו). ופשוט אז ער איז געווען א כהן גדול נים נאר דעמולט נאר אויך שפעטער איז ער פארבליבן א כהן גדול, דאס הייסט, אז אויך נאך די מעשה וואס "ויחשבה עלי לשיכורה" איז ער אריין כמה וכמה פעמים אין קדשי קדשים.

איז אויב מ׳זאל זאגן אז דאס וואס "ויחשבה עלי לשיכורה" איז געווען א ענין של חטא וכיו"ב – ווערט דאך די שאלה: בשעה א כהן גדול וואס איז ניט ראוי צו אריינגיין אין קדה"ק וואלט אריינגיין ביוה"כ אין קדה"ק, איז דאך געווען דער סדר אז עס וואלט ווערן א צווייטער

כה"ג (ראה יומא נב,ב. פיה"מ שם. זח"ג סז,א) – איז ווי קומט עס אז עלי איז ארייין אין קדה"ק כמה וכמה שנים נאך דעם ווי "ויחשבה עלי לשיכורה"?

ו. נאך אן ענין שטיים בנוגע עלי, אז ער איז געווען דער צווייטער אדער דער דריטער דור פון די מקבלי התורה ממשה רבינו. ווי דער רמב"ם זאגט בהקדמתו לספרו הי"ד "ואלעזר ופנחס ויהושע שלשתן קבלו ממשה... וזקנים רבים קבלו מיהושע, וקיבל עלי מן הזקנים ומפנחס". איז מצד דערויף וואס ער האט מקבל געווען פון די זקנים שקבלו מיהושע – איז ער דער דריטער דור; אבער מצד דערויף וואס ער האט מקבל געווען פון פנחס שקיבל ממשה – איז ער דער צווייטער דור.

און ווי מפרשים מאטערן זיך בנוגע צו דעם וואס דער רמב"ם (בסיום הענין שם) רעכנט עלי'ן פאר דער דריטען מקבל פון משה רבינו ("ועלי מפנחס ופנחס מיהושע ויהושע ממשה רבינו"), דלכא' האט דאך פנחס מקבל געווען פון משה (ואדרבה: דער לשון הרמב"ם בתחלת הענין שם איז "ואלעזר ופנחס ויהושע שלשתן קבלו ממשה", רעכענט ער פנחס <u>פאר</u> יהושע), וואס לפי"ז איז עלי דער צווייטער מקבל פון משה רבינו.

עכ"פ בנוגע לעניננו – זעט מען, ווי עלי האט געהאט פארשידענע מע-לות ובנוגע לענינים שונים:

אין סדר פון מקבלי התורה איז ער געווען דער צווייטער אדער דרי-טער מקבל פון משה רבינו;

דערצו איז ער געווען א כהן און ניט סתם א כהן נאר א כהן גדול – מובחר שבעם, וכמ"ש (דה"א כג,יג) ויבדל אהרן להקדישו קדש קדשים גו'.

וואס דער ענין פון כהנים איז – אז בא זיי איז נוגע במיוחד דער ענין פון מחשבה, וכדאיתא בזהר אז די עבודה הכהנים איז בחשאי וברעותא דלבא, וואס אזוי איז דאך אויך ע"פ נגלה – אז אין עבודת הקרבנות (דכהנים) איז מחשבה פוסלה.

בנוגע צו לויים בדוכנם – איז נוגע דער ענין השיר; אויך בנוגע צו ישראל – איז נוגע "ישראל במעמדם", אבער בנוגע לכהנים – איז נוגע דער ענין המחשבה, וואס דורך זייער מחשבה פארבינדען זיי זיך מיט מחשבת הבעלים.

ועאכו"כ א כהן גדול – וואס בא אים איז אודאי נוגע ענין המחשבה, ער זאל זיך פארבינדען מיט די מחשבה פון כלל ישראל.

ומצד דעם וואס עלי איז געווען א כהן גדול – האט ער דאך געדארפט צוהערן זיך צו די מחשבה של חנה (און ניט קוקן בלויז אויף די חיצוניות).

ונוסף לזה איז עלי געווען אויך א שופט – וואס אויך דער ענין פון א שופט איז דאך (כנ"ל ס"ר) אריינלייגן זיך אין יענעמס הרגש וכו'.

איז ווי קומט עס אז עלי וואס האט געהאט די אלע מעלות הנ"ל – ובפרט נאך אז ער האט געהאט צייט צו מתבונן זיין זיך, ווארום "ועלי שומר את פיה" (וכנ"ל ס"ד) – זאל מאכן אזא טעות אז ויחשבה לשכורה?

ז. וויבאלד אז די הפטרה זאגט מען בר"ה <u>בצבור</u> – איז דערפון פארשטאנדיק, אז דער ביאור בהנ"ל, און אויך די הוראה וואס מען דארף אפלערנען דערפון בנוגע צו די עבודה דר"ה, דארפן זיין באופן כזה אז זיי זאלן זיין מובן צו יעדער איינעם. דאס הייסט, אז דער ביאור בהנ"ל און אויך די הוראה מהנ"ל, דארפן זיין אויך ע"פ <u>פשט</u>, וואס דאס האט א שייכות צו יעדער אידן.

– בנוגע –

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

בנוגע צו חלק הסוד שבתורה, ועד"ז בנוגע צו חלק הדרוש והרמז, איז אפע"י אז יעדער נשמה איז שי ך צו אלע פיר חלקי הפרד"ס - קען דאס אבער זיין אויך בגלגול אחר (הל' ה"ה לאדה"ז פ"א ס"ד). משא"כ דער חלק הפשט שבתורה - איז שייך צו יעדער אידן בכל גלגול.

וכשם ווי דאס איז בנוגע צו הלכות, אז אעפ"י אז אויך די דיעות וואס אין הלכה כמותם זיינען דברי אלקים חיים, אעפ"כ דארף יעדער איד וויסן די הלכה, ווארום בכדי ער זאל וויסן את המעשה אשר יעשה דארף ער וויסן א הלכה ברורה - עד"ז איז אויך בנוגע צו פשטות הכתובים, אז ווייבאלד חלק הפשט איז כנגד עולם העשי', איז עס שייך דעריבער צו יעדער אידן (בדוגמת ידיעה ההלכה וואס איז נוגע לידע את המעשה אשר יעשה).

ח. איז דער ביאור בכל הנ"ל:

דער ענין פון ר"ה איז ווי די גמרא זאגט (ר"ה טז,א. לד,ב) "אמר הקב"ה אמרו לפני בר"ה מלכיות כו' כדי שתמליכוני עליכם" - דער אויבערשטער בעט זיך בא יעדער אידן ער זאל אים מאכן פאר א מלך.

איז דאך פארשטאנדיק בפשטות, אז דעם גאנצן טאג פון ר"ה דארף מען זיין פארנומען מיט מכהיר זיין דעם אויבערשטן פאר א מלך, און עס האט ניט קיין ארט (לכאו') צו בעטן דעמאלט דעם אויבערשטן אויף בני חיי ומזוני רויחי.

אפילו ענינים רוחניים דארפן ניט זיין נוגע (לכאו') בעת דער אויבערשטער בעט "שתמליכוני עליכם", ועאכו"כ אז עס רעדט זיך ניט וועגן מזון רוחני נאר וועגן מזון גשמי.

איז ווי קומט עס אז אינעם טאג פון ר"ה בעט מען אויף פרנסה בהרחבה, אויף בריאות הגוף, און אויף מחנך זיין קינדער בדרך התורה והמצוות - בשעת דער אויבערשטער בעט זיך "שתמליכוני עליכם", איז די איינציקע זאך וואס א איד דארף דעמולט זיין נוגע און וואס ער דארף בעטן איז "מלוך על העולם כולו בכבודך", אבער ווי קומט דא אריין בקשות אויף ענינים גשמיים?

און מ'דארף ניט זיין קיין בעל מדריגה אויף דעם. אויף א פשוט'ער איד פארשטייט עס: בשעת א מלך בשר ודם וועט קומען צו איכיצן און בעטן בא אים ער זאל אים מאכן פאר א מלך - איז דאך מובן בפשטות, אז עס האט ניט קיין ארט צו זאגן אז ער איז אים מכתיר פאר א מלך בהנאי אז ער זאל אים געבן עפעס אויף מארגן און איבערמארגן. איז דאך עאכו"כ בשעת עס רעדט זיך וועגן ממה"מ הקב"ה - האט דאך אודאי ניט קיין ארט (לכאו') אז בעת התפלה דר"ה, ווען ער קרוינט דעם אויבערשטן פאר א מלך, זאל ער בעטן (ובהמשך צום "תמליכוני עליכם") "ובספר חיים ופרנסה טובה וכו'" אדער אנדערע בקשות כיו"ב.

ט. און דאס איז אויך דער פירוש פון "ויחשבה עלי לשיכורה" און פון זיין טענה "עד מתי תשתכרין גו'": בשעת עלי האט זיך צוגעקוקט ווי "הרבתה להתפלל לפני ה'" אויף א ענין גשמי - האט זיך עלי געוואונדערט: ווי קומט עס אז בשעת א איד קומט אין שילה, אין "בית ה'", זאל ער אזוי פיל מרבה זיין צו בעטן אויף א ענין גשמי? און דעריבער "ויחשבה עלי לשיכורה" - עלי האט געהאלטן אז זי איז פארשיכורט אין תפלה אויף עניני עוה"ז *).

---

*) ומ"ש "רק שפתי' נעות וקולה לא ישמע" - א) כי זה מורה על שכרות גדולה ביותר (בהתפלה על עניני עוה"ז), ער שרק שפתותי' נעות וקולה לא ישמע. ב) זה צ"ל - כדאיתא בברכות ר"פ אין עומדין.



הנחת הת' בלתי מוגה

און הגם אז א איד דארף מתפלל זיין אויף ענינים גשמיים - איז דאס אבער אלץ מיט א מאס, בשעת אבער אז עלי האט געזען ווי "הרבתה להתפלל גו׳" אויף ענינים גשמיים - בשעת אז זייענדיק אין "בית ה׳" האט זי געדארפט ליגן אין העכערע ענינים - האט ער געהאלטן אז די איז צופיל פארשיכערט אין תפלה אויף ענינים גשמיים, און געטענה׳ט "עד מתי תשתכ-רין".

און דאס איז אויך וואס עלי האט געזאגט צו איר "הסירי את יינך מעליך": יין איז א גוטע זאך, והראי׳ אז מען מאכט אויף דעם א ברכה(אויף א דבר המזיק מאכט מען ניט קיין ברכה). אבער דאס איז דוקא ווען מען טרינקט יין מיט א מאס, בשעת אבער מען טרינקט יותר מכפי המדה, איז עס ווי די גמרא זאגט (יומא עו,ב). ועד"ז האט עלי געהאלטן אויך בנוגע צו תפלה אויף ענינים גשמיים (בשעת מען געפינט זיך אין "בית ה׳"), אז דאס דארף זיין בלויז כפי המדה אבער ניט אין אן אופן פון "הרבתה להתפלל".

יו"ד. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין, וואס עלי האט געווארט ביז חנה וועט ענדיקן - ווי רש"י טייטשט אויף "שומר את פיה" אז שומר איז "לשון המתנה" און דער פירוש פון "שומר את פיה" איז "מצפה מתי תפסיק" - און ערשט דערנאך האט ער איר געזאגט "עד מתי תשתכרין גו׳".

דלכאו׳ איז ניט מובן: וויבאלד אז "ויחשבה עלי לשיכורה" - האט ער דאך געדארפט גלייך אויפן ארט מפסיק זיין איר. ווי האט עס עלי צוגעלאזן צו טאן אזא זאך אין משכן ה׳?

וע"פ הנ"ל איז עס פארשטאנדיק: וויבאלד אז "ויחשבה עלי לשכורה" מיינט (ניט לשכורה כפשוטו נאר) אז זי איז פארשיכערט אין תפלה בעניני עוה"ז - איז כאטש אז עלי האט געהאלטן אז ניט דאס דארף זיין די סדר העבודה, איז בשעת אבער מען זעט ווי א איד איז מתפלל צום אויבערשטן (ובפרט אין אן אופן וואס ער גייט אויס בתפלתו) איז חס ושלום צו שטערן אים איבמיטן זיין תפלה.

ובפרט עלי וואס ער איז געווען א כהן גדול בדוגמת אהרן שהי׳ אוהב את הבריות.

און דעריבער, איז כל זמן זי האט געהאלטן איבמיטן איר תפלה - האט עלי איר גארניט געזאגט. ער האט בלויז געווארט און מצפה געווען "מתי תפסיק", בכדי אז בשעת זי וועט ענדיקן איר תפלה, וועט ער איר מסביר זיין "עד מתי תשתכרין גו׳" און דורך דעם אויפהויבן איר צו א העכערע מדריגה.

יא. און בשעת עלי האט איר געזאגט "עד מתי תשתכרין גו׳", האט אים חנה געענטפערט "לא אדוני גו׳ ויין ושכר לא שתיתי ואשפוך את נפשי לפני ה׳" - אז איר מרבה זיין בתפלה על ענין גשמי איז עס ניט מצד שכרות נאר "ואשפוך את נפשי לפני ה׳", בא איר איז ניט געבליבן קיין מציאות פאר זיך נאר זי האט אויסגעגאסן איר גאנצן נפש פאר דעם אויב-ערשטן. (קטע זה - לא תפסו היטב).

און בשעת עלי האט געהערט דעם ענטפער, האט ער מסכים געווען צו חנה׳ן און געבענטשט איר "ואלקי ישראל יתן את שלתך אשר שאלת מעמו". און הגם עלי האט ניט געוואוסט וואס פאדא בקשה זי האט געבעטן - בשעת ער האט אבער געהערט אז ס׳איז אן ענין פון "ואשפוך את נפשי לפני ה׳", איז קיין נפ"מ ניט וואס איז די בקשה, און ער האט איר געבענטשט אז דער אויבערשטער זאל ממלא זיין איר בקשה. און עלי׳ס ברכה האט געפועל׳ט אויף חנה׳ן אז "ופני׳ לא היו לה עוד".

יב. און אט די פרטי הסיפור (פון די שקו"ט של עלי ותנה) זיינען א הוראה מיוחדת בנוגע צו די עבודה פון ר"ה. ואע"פ אז דער סיפור איז געווען ניט בר"ה נאר אין איינעם פון די שלש רגלים כדאיתא בילקוט עה"פ ועלה האיש ההוא (ושם עה"פ ויהי היום), איז וויבאלד אבער אז מען האט קובע געווען די הפטרה צו ד"ה, האט ער דאך א שייכות מיוחדת צו ר"ה (כנ"ל ס"ב).

ונוסף לזה: חנה איז דאך נפקד געווארן בר"ה (ר"ה יא,א), און דאס וואס זי איז נפקד געווארן ד"ה איז דאך דאס געקומען מצד איר בקשה כשהייתה בשילה (ד.ה. אז דער מילוי פון די בקשה איז געווען בד"ה) - קומט דאך אוים, אז דער סיפור הנ"ל האט א שייכות צו ר"ה.

איז די הוראה וואס מען דארף אפלערנען פון סיפור הנ"ל בנוגע לר"ה:

אע"פ אז ר"ה דארף זיין א איד פארנומען אין דער עבודה "שתמליכוני עליכם", ער דארף מכתיר זיין דעם אויבערשטן פאר א מלך און דארף בעטן "מלוך על העולם כולו בכבודך" - איז אבער אין זעלבן טאג, און אין די תפלה דד"ה, דארף ער בעטן אויך אויף ענינים גשמיים, און ווי דער נוסח אין "אבינו מלכנו", און אויך אין תפלת העמידה דד"ה, וואס דארטן זיי-נען דא כמה בקשות אויף ענינים גשמיים (אזוי ווי "ובספר חיים כו׳". ועוד).

און הגם אז לכאו׳ שטעלט זיך די שאלה (ע"ד טענתו של עלי): וואס פאר א אדט האט עס צו בעטן בר"ה אויף ענינים גשמיים בשעת מען דארף זיין פארנומען אין "שתמליכוני עליכם"? - איז די קשיא דארף אים טאקע ארן, וואס דערפאר האט מען אריינגעשטעלט אין תורה (מלשון הוראה) אויך די טענה פון עלי, ווייל אויך פון דעם דארף מען ארויסנעמען א הוראה,

אז א איד, מצד בחינת כהן שבנפשו, דארף ער זיך וואונדערן אויף זיך אליין און עס דארף איט פארהארן אז אין אזא טאג ווי ר"ה בעט ער אויף ענינים גשמיים,

אבער אעפ"כ איז לפועל דארף ער טאן אזוי. ווארום דאס איז דאך ניט קיין נוסח וואס ער אליין האט זיך אויסגעקליבן, נאר אזוי האט מען בתקן געווען (חסר קצת. הזכיר כמה נוסחאות של בקשות) אז מען זאל בעטן ניט נאר "מלוך על העולם כולו בכבודך וכו׳" נאר בעטן אויך "על ירושלים עירך ועל ציון משכן כבודך", און מען זאל אויף זיך אויך ניט פארגעסן און בעטן בקשות פרטיות.

יג. ובדוגמת נוסח התפלה שבכל יום, אז הגם מען הויבט טאקע אן מיט שבחו של הקב"ה: מגן אברהם, מחי׳ מתים, און דערנאך זאגט מען "אתה קדוש ושמך קדוש" וכמבואר בחסידות גודל העילוי וההפלאה ד"אתה קדוש ושמך קדוש" - איז אבער גלייך נאך דעם קומען כמה וכמה בקשות,

עד"ז איז אויך בר"ה, אז ביחד עם זה וואס מען רעדט וועגן מלכותו של הקב"ה איז ביחד עם זה בעט מען אויך בקשות, און ניט נאר אויף רוחניות נאר אויך אויף גשמיות.

(און ס׳איז ניט קיין סתירה איין ענין צום צווייטן - ע"ד דידוע דער סיפור פון אלט׳ן רבי׳ן מיטן מלאך (ראה תורת שלום ע׳ 169), אז לאחרי ווי זיי האבן זיך עוסק געווען אין די העכסטע ענינים פון יחו"ע האט דער אלטער רבי געגעסן א בויגל מיט פוטער. (וראה סה"מ תרפ"ח ע׳ דא)).

און דאס אלץ (הן שבחו של הקב"ה ועד"ז העבודה דתמליכוני, והן ענין הבקשות) דארף זיין אין אן אופן פון "ואשפוך את נפשי", וואס אין שפיכת הנפש איז ניט שייך קיין מדידות. ניט ער זאל קוקן אויפן זייגער און אויסשטעלן אז אזויפיל מינוט איז אויף ברכת ק"ש, אזוי פיל מינוט אויף ק"ש, און אזוי פיל מינוט אויף שמו"ע - נאר אין אן אופן של שפיכות הנפש, אן מדידות.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

- יד. -

יד. און דאס איז די הוראה פון די שקו"ס דעלי וחנה: אויב ס'וועס קומען אימיצער און טענה'ן, היתכן צו בעטן ר"ה אויף גשמיות? ענטפערט מען אים, אז ס'איז שוין געווען אמאל אזא טענה פון עלי, און די טענה איז פאר-שריבען געווארן אין תורה, בכדי מ'זאל וויסן אז מ'זאל זיך נים רעכענען מים די טענה.

און ווי תורה דערציילט אויך דעם ענטפער אויף די טענה, אז ס'איז אן ענין פון "ואשפוך את נפשי לפני ה'". און בשעת עס רערט זיך וועגען שפיכות הנפש, קען מען נים אויסשטעלן קיין צייט, צי מ'זאל עס טאן בר"ה אדער אין אן אנרער צייט.

ואע"פ אז עס שטיים אין זהר (            ) אז די וואס בעטן אויף ענינים גשמיים זיינען געגליכן צו די וואס זאגן "הב הב" - פסקנ'ט דאך אבער דער רמב"ם (ראה רמב"ם הל' תפלה בתחלתו. וראה שרש מצות הת-פלה בתחלתו) אז בשעת א איד פעלט א געוויסע זאך (אויך א דבר גשמי) איז א מצוה עשה מן התורה ער זאל מתפלל זיין צום אויבערשטן,

וואס די כוונה והתכלית בזה איז - אז דער אויבערשטער זאל ממלא זיין די בקשה. און דאס איז אזוי זיכער (אז די בקשה וועט נתמלא ווערן), ביז מען מאכט א ברכה (על הבקשות שבשמו"ע), וואס דערפון איז א ראי' (כמבואר באגה"ת פי"א) אז "אין כאן שום ספק כלל" אז דער אויבערשטער וועט ממלא זיין די בקשה.

און דאס וואס ס'איז פאראן ענינים לאחרי ר"ה (מה שאדם נידון בכל יום) איז עס קיין סתירה נים להנ"ל אז בשעת א איד בעט בר"ה איז דער אויבערשטער ממלא גלייך די בקשה - ווייל דאס וואס ס'איז פאראן די ענינים שלאחרי ר"ה איז עס מצד דעם וואס די השפעה שבר"ה קען לפעמים פארבלייבן בעולם העליון, כמבואר בארוכה בקונט' ומעין (מאמר יח ואילך),

בשעת אבער ס'איז אין אן אופן "עד מהרה ירוץ דברו" (ראה לקו"ת ס"פ קרח), קומט עס זיכער אראפ בגשמיות. ובפרט אז בר"ה איז דאך דער טאג פון הכתרת ממה"מ הקב"ה, וואס ביום ההכתרה איז דאך "והנחה למדי-נות עשה" (ווי דאס ברייננגט זיך בכמה מקומות בנוגע לר"ה), איז דאך זיכער אז מען רעכענט זיך נים מים קיינע ענינים און די השפעה ווערט נמשך אויך למטה בגשמיות.

טו. לאחרי כל הנ"ל, קען א איד אבער פרעגן: וויבאלד מען האט מתקן געווען ככה תפלות בר"ה בנוגע לבקשות על ענינים גשמיים, איז אז מען זאגט אים אז מען דארף בעטן אויף גשמיות, טוט ער אזוי. ער וויל אבער האבן אויך א הסברה אויף דעם -

איז די הסברה אויף דעם אין לעצטן פסוק פון הפטרה "הוי' יחתו מריביו גו' ויתן עוז למלכו וירם קרן משיחו": דער גאנצער ענין פון "מריביו" (אויף הוי') איז שייך בלויז למטה. למעלה איז דאך נגט שייך קיין "מריביו", נאר מצד דעם העלם והסתר שבעוה"ז הגשמי, דא איז שייך "מריביו".

און די עבודה פון א אידן דא למטה איז ער זאל פועל'ן עס זאל זיין "יחתו מריביו", ביז עס וועט זיין "ויתן עוז למלכו וירם קרן משיחו".

ובכדי אז א איד זאל קענען טאן די עבודה - דארף ער האבן אלע עני-נים בהרחבה, ער דארף האבן פרנסה בהרחבה, בריאות הגוף, און נחת פון קינדער. ווארום בשעת עס פעלט עפעס אין איינע פון די ענינים (אין בני אדער אין חיי אדער אין מזוני), איז וויבאלד אז א איד געפינט זיך למטה בעוה"ז הגשמי, שטערט עס אים פון זיין עבודה.

- ובמילא -                                                    הנחת הת' בלתי מוגה

ובמילא קומט דאך אויס אז דאס וואס ער בעט אויף בני חיי ומזוני רויחי קומט עס בהמשך צו די עבודה "שתמליכוני עליכם". ווייל דורך דעם וואס ער וועט האבן כל צרכיו בהרחבה, וועט ער נים האבן קיין מניעות צו מאכן דעם אויבערשטן פאר א מלך על כל העולם און מאכן די וועלט א דירה לו ית'.

טז. ואפילו אויב בחיצוניות פיל'ט ער נים אז דאס איז די כוונה פון זיין בקשה אויף גשמיות – איז אבער בפנימיות הענין איז אזוי. וכמו שידוע הסיפור פון בעש"ט וואס ער האט געזאגט בנוגע צו די אידן וואס זיינען געווען אין די קרעטשמעס – אז זייער כוונה (בפנימיות עכ"פ) אין דעם איז, בכדי שיוכל להשיא בתו לת"ח, נעמען א איידים אויף קעסט, וואס דאס איז זיין כוונה אין דעם וואס ער וויל האבן עטליכע רובל, און צוליב דערויף איז ער אין די קרעטשמע.

וכידוע תורת הבעש"ט עה"פ רעבים גם צמאים נפשם בהם תתעטף, אז דאס וואס דער נפש הבהמית איז רעב וצמא צו דעם מאכל ומשקה גשמי קומט עס פון דעם וואס דער נפש האלקית איז רעב וצמא צו דעם ניצוץ אלקי וואס אין דעם מאכל. וואס דאס איז דער פירוש פון "רעבים גם צמאים נפשם בהם תתעטף", אז די סיבה צו "רעבים גם צמאים" (פון נפש הבהמיות) איז דער רעבון וצמאון פון נפש האלקית צו "נפשם בהם תתעטף", צום ניצוץ אלקי וועלכער איז מלובש (מעוטף) אין די מאכלים גשמיים.

ועד"ז איז אויך בנוגע צו די בקשות וואס א איד בעט אויף בני חיי ומזוני רויחי – אז בפנימיות קומט עס פון דעם וואס די נשמה וויל האבן דעם ניצוץ אלקי שבהגשמי, וואס דער ניצוץ איז פארבונדען מיט זיין עצם הנשמה, וואס זיין עצם איז פארבונדען מיטן עצם שלמעלה. וכידוע הורה הבעש"ט אז דער/פשיטות פון א איש פשוט איז פארבונדען מיטן עצם ופשיטות שלמעלה.
עצם

יז. איי איז דאך די שאלה: אויב ער זוכט דעם ענין הרוחני (ניצוץ אלקי) וואס אין דעם גשמי, איז קען ער בעטן אויף רוחניות, פארוואס זוכט ער עס דורך די דברים הגשמיים דוקא? – איז אבער אזוי דער סדר, אז די נצוצות נעמט מען דוקא דורך די דברים הגשמיים.

וואס אויך דער ענין איז פארשטאנדיק פון תפלת חנה: אלקנה האט גע-זאגט צו חנה'ן "למה תבכי גו' הלא אנכי טוב לך מעשרה בנים". שטייט אויף דעם אין חסידות, אז "עשרה בנים" איז עשר ספירות, השתלשלות, און "אנכי" איז כהר, למעלה מהשתלשלות. און דערפאר האט עלי געטענה'ט, אז "אנכי" איז בעסער "מעשרה בנים".

אבער אעפ"כ האט חנה נים באגנוגנט זיך מיט דעם ענטפער, און גע-טענה'ט אז איר איז ווייניק דער ענין פון "אנכי" שלמעלה מהשתל' נאר זי דארף האבן בתי' השתלשלות, ביז צו א בן כפשוטו בגשמיות.

יח. וואס דאס איז אויך וואס עס ברייננגט זיך אין לקו"ת (ר"ה נט,ב) פון הגהות מיימוני "שאין אדם נידון בר"ה אלא לעניני עוה"ז" – אז דער עיקר ההמשכה דר"ה איז בנוגע צו ענינים גשמיים.

וואס דאס איז דאך אויך וואס עס שטייט "כי חוק לישראל הוא משפט לאלקי יעקב" – אז פריער איז "חק לישראל", "חק" מלשון הטריפני לחם חוקי, היינו מזון גשמי. און ערשט דערנאך איז "משפט לאלקי יעקב" – דער משפט בנוגע להמשכת הרוחניות.

וואס דאס איז מתאים אויך להנהגתו של הבעש"ט, אז פריער האט ער זיך פארנומען מיט פארזארגן אידן בגשמיות. וואס די הנהגה האט זיך אנגעהויבן בשנת תעב – ר"ת תבוא עליו ברכה. און ערשט דערנאך, בשנת תצ"ד – כו"ב יאהר שפעטער – האט זיך אנגעהויבן דער ענין הפצה המעינות.

- און -



הנחת הת' בלתי מוגה

און דאס בא דעם בעש"ט איז געווען אזא הנהגה איז עס מצד דערויף וואס צדיקים דומין לבוראן, ווילע אויך דעם אויבערשטנ׳ס הנהגה איז באופן כזה: פריער האט דער אויבערשטער באשאפן א וועלט און האט אלעמען מפרנס געווען, און ערשט מיט זעקס און צוואנציק דורות שפעטער, האט ער געגעבן דר תורה.

יט. און דאס איז די כללות ההוראה פון די שקו"ט דעלי וחנה במיוחד בנוגע ר"ה, סיי בנוגע צו זיך סיי בנוגע צו א צווייטן אידן:

בנוגע צו זיך – איז כמדובר לעיל באריכה, אז אע"פ אז מען דארף זיין פארנומען מיט דער עבודה "שתמליכוני עליכם" און בעטן "מלוך על העולם כולו בכבודך", איז ביחד עם זה דארף מען בעטן אויך אויף ענינים וואס ער דארף האבן. און ניט נאר אויף ענינים רוחניים נאר אויך אויף ענינים גשמיים, ואדרבה: ר"ה איז נוגע ענין הגשמיות מער ווי ענין הרוחניות, כנ"ל.

בנוגע צו יענעם: בשעת מען זעט א אידן וואס בא "מלוך על העולם כולו בכבודך" ווייגט ער ניט, און בא "ונתנה תוקף" (אדער אין אנדערע ערטער וואו עס רעדט זיך וועגן ענינים גשמיים) וויינט ער יע – איז ניט נאר וואס מען טאר אים ניט מבטל זיין ח"ו, נאר אדרבה, מען דארף אים זאגן (ע"ד ווי עלי האט געזאגט צו חנה׳ן) "ואלקי ישראל יתן את שלהך אשר שאלה מעמו".

כ. נאך א הוראה פון תפלת חנה, וואס בשעת זי האט געבעטן אויף קינדער האט זי געזאגט דעם לשון "ונתתה לאמתך זרע <u>אנשים</u>", וואס דאס מיינט אזוינע קינדער וואס וועלן נתחנך ווערן בדרך התורה.

און דאס קומט בהמשך צו דעם וואס מען רעדט לאחרונה בנוגע ההשתדלות בענין החינוך. אז די קינדער וועלכע ביז איצט האבן זיי ניט קיין חינוך הכשר – דארף מען זיי ארויסנעמען פון יענעם חינוך, און געבן זיי א חינוך ע"פ תורה.

וואס דאס איז דאך דער פירוש פון "עד עקרה ילדה שבעה ורבת בנים אומללה" (ווי גערעדט אמאל באריכה), אז דאס מיינט ניט אז די קינדער פון פנינה האבן זיך געפעלט, נאר דאס מיינט אז זיי זיינען אוועק פון דרכה של פנינה און איבערגעגיינגען צו דרכה של חנה.

די ההתחלה דארף טאקע זיין מיט געבן יענעם א צוקערקע וכדומה, אבער סוף סוף – אריינברייגגען אים אין א חינוך פון הומ"צ, ביז מען מאכט פון אים אויף אזא איד וואס "כל הימים אשר הי׳ הוא שאול לה׳".

ער קען זיין א סוחר און עוסק זיין זיך בעניני העולם, אבער אויב מען איז אים נאר מחנך באופן כזה אז ער זאל כסדר טראכטן וועגן דעם אויבערשטן, איז "כל הימים אשר הי׳ הוא שאול לה׳". ווארום במקום שמחשבתו של אדם שם הוא נמצא – איז בשעת ער טראכט וועגן דעם אויבערשטן, געפינט ער זיך אין די ד׳ אמות של הקב"ה.

כא. פאר דעם ענין פון חינוך – בכדי אז די קינדער (וועלכע מען דארף דערנאך מחנך זיין) זאלן געבארן ווערן ווי עס דארף צו זיין – דארף דאך זיין דער ענין פון טהרת המשפחה; דערנאך דארף זיין די זהירות בכשרות המאכלים, וואס דאס איז דאך נוגע צו די תכונות וטבע כו׳ לאחרי ווי ער ווערט שוין געבארן; דערנאך דארף דאך זיין אויך דער ענין פון הדלקת נרות שבת ויו"ט וואס באלייכטן די אידישע הויז.

וואס די דריי מצות זיינען דאך נוגע במיוחד צו נשי ישראל. און אויך דאס איז שייך במיוחד צום ענין פון חנה (וואס די הפטרה פון ר"ה איז תפלת חנה), וכידוע אז חנה איז ר"ת חלה (ענין הכשרות), נדה, הדלקת הנר.

– און זיי –

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

און די זיינען אויך מרומז אין ווארט החן, וואס ר"ת החן איז: הדלקת הנר, חלה, נדה.

ואע"פ אז עס שטייט דאך שקר החן – האט מען דאך שוין גערעדט אין דעם, אז דאס איז בדוגמת וואס עס שטייט בפירוש הכתוב "אל יתהלל חכם בחכמתו גו' הגבור בגבורתו גו' עשיר בעשרו, כי אם בזאת יתהלל המתהלל השכל וידוע אותי", אז וואס וואס דער פסוק איז שולל חכמה גבורה עושר איז עס דוקא ווי זיי זיינען בפני עצמם, בשעת אבער ס'איז דא דער "השכל וידוע אותי" דעמולט קען ער זיך מתהלל זיין אויך בחכמתו בגבורתו ובעשרו,

עד"ז איז אויך דער פירוש "שקר החן והבל היופי אשה יראת ה' היא תתהלל", אז דאס וואס שקר החן והבל היופי" איז עס דוקא ווי דער חן ויופי זיינען בפני עצמם, בשעת אבער אז "אשה יראת ה' " – דעמולט איז "תתהלל" אויך מיט חן ויופי,

ווארום חן ויופי זיינען דאך יע א מעלה. וכדאיתא בגמרא (תענית לא,א) אין אשה אלא ליופי. ועד"ז איז אויך בנוגע צו חן דארף דאך זיין חן אשה על בעלה (וכמבואר בכ"מ בחסידות אז חן איז נאך העכער פון יופי). מען דארף נאר האבן אז דער חן ויופי זאלן זיין פארבונדען מיט "יראת ה'".

ובכדי עס זאל זיין דער אמת'ער "החן" – איז עס דורך די ג' מצוות וועלכע זיינען די ר"ת פון "החן". וואס דורך די ג' מצוות בויט מען אויף א אידישע הויז און א ליכטיקע הויז,

ביז אז דורך דעם בויט מען אויף בתי כהונה ולוי' און בתי מלכות שיהיו בגאולה העתידה – וואס דאס טוט זיך אויף דורך די עבודה איצטער, וכדאיתא בתניא (רפל"ז) אז אלע ענינים דלעתיד זיינען תלוי במעשינו וע-בודתינו כל משך זמן הגלות.

און דורך דעם איז מען אויך זוכה צו א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה,

אז מ'דארף גארניט ווארטן אויף שפעטער, נאר בשעת מען שטייט נאך בר"ה האט מען ניט נאר די כתיבה טובה [וואס די כתיבה טובה פארענדיקט זיך שוין בר"ה, וואס דערפאר שפעטער ווינטשט מען שוין ניט "לשנה טובה תכתב" (שו"ע אדה"ז סו"ס תקפב)] נאר מען האט שוין אויך די חתימה טובה,

ווארום וויבאלד אז ועמך כולם צדיקים – זאגט דאך די גמרא (ר"ה טז,ב) אז צדיקים גמורים זיינען "נכתבין ונחתמין לאלתר לחיים",

ביז אז בשעת מען שטייט בערב ר"ה איז מען שוין "לובשים לבנים ומת-עטפים לבנים" (טור או"ח סתקפ"א) ווייל מען איז זיכער אז מען וועט זוכה זיין בדין, און אז דער אויבערשטער וועט געבן א שנה טובה ומתוקה אין אלע ענינים, בבני חיי ומזוני רויחי.

(צוה לנגן ניגון הכנה לניגון אדה"ז. ניגון אדה"ז (בבא הרביעית פעם אחת). ניגון בחסידי אדמו"ר האמצעי ניע זשוריצי. ניגון אדמו"ר מהר"ש.

לאחרי ברהמ"ז, תפלת ערבית הבדלה וחלוקת כוס של ברכה – לפני שברך ברכה אחרונה – התחיל לנגן הניגון הושיעה את עמך).

* * *

---

השמטה בסעיף יח. לאחרי סיפור הנהגת הבעש"ט: וידוע גם שאדה"ז התנה עם חותנו שהנדוניא יהי' ברשותו, שיוכל לעשות בזה כפי רצונו. ונתן את הנדוניא שלו עבור פרנסת בני ישראל. ולאחרי זמן התחיל לעסוק בנוגע הרוחניות דבנ"י.

השמטה בסיום סעיף יט: שלכן חסר אל"ף. בדוגמת מס' ר"ה מרשית השנה מרשית חסר אל"ף.